ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל
תשיעי

שער
שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

•

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

•

## עשרה בטבת

(חלק כה)

יוצא לאור על ידי מערכת

„אוצר החסידים"

770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושש לבריאה

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות
שבוע פרשת ויחי, ח־יד טבת, ה׳תשפ״ו (א)

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2026
by
Kehot Publication Society®
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

Kehot Publication Society® and the Kehot logo are registered trademarks of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# עשרה בטבת

א. דער תענית פון עשרה בטבת איז מטעם זה, וואָס „בו (אין דעם טאָג) סמך מלך בבל . . על ירושלים והביאה במצור ובמצוק"[1], וואָס דערמיט האָט זיך אָנגעהויבן כללות ענין הגלות. די שפּעטער־דיקע מאורעות בשבעה עשר בתמוז (הובקעה העיר[2]), בתשעה באב (חורבן ביהמ"ק), און אין ג' בתשרי או בר"ה[3] (הריגת גדלי') זיינען געווען (בפשטות) אַ המשך פון דעם מצור על ירושלים.

(ויש לומר, ווי גערעדט אַמאָל באריכה[4], אַז דאָס איז די הסברה אין דעת האבודרהם[5] אַז דער תענית פון עשרה בטבת האָט אין זיך אַ תוקף וחומרא לגבי די אַנדערע ג' צומות, אַז „אפילו הי' חל בשבת לא היו יכולים לדחותו ליום אחר מפני שנאמר בו[6] בעצם היום הזה כמו ביום הכפורים" — וויבאַלד אַז ער איז דער מקור פון אַלע סיבות לג' הצומות איז ער דעריבער מער חמור ווי די ג' צומות[7]) —

און וויבאַלד אַז חורבן בית שני (און דער גלות שעי"ז) איז אַ המשך פון חורבן בית ראשון[2] (ובפרט אַז אַפילו די גאולה בזמן בית שני איז ניט געווען אַ גאולה שלימה, אין בית שני „חסרו ה' דברים"[8] וכו') — קומט אויס, אַז עשרה בטבת איז די התחלה וסיבה אויף כללות ענין הגלות[9].

ב. תורה זאָגט אַ כלל[10], אַז הקב"ה מקדים רפואה למכה, שפירושו — ער גיט דעם כח אויף האָבן דעם אופן הכי נעלה אין רפואה, וואָס דאָס איז באופן פון „לא אשים עליך"[11]: ניט נאָר איז עס אַ רפואה וואָס העלפט מכאן ולהבא, אָדער אפילו אַ רפואה וואָס פועל'ט למפרע[12], נאָר נאָך מער: מלכתחילה „לא אשים עליך".

1) לשון הרמב"ם הל' תעניות פ"ה ה"ב. וראה מ"ב כה, א־ב; ירמי' נב, ד־ה; יחזקאל כד, ב (וראה לקו"ש ח"כ ע' 527 הערה 21).

2) ראה לקו"ש חט"ו ע' 421 הערה 82.

3) ראב"ע זכרי' ח, יח. רד"ק שם ז, ה. ב"י לטאו"ח סו"ס תקמט בשם רבינו ירוחם.

4) לקו"ש חט"ו שם. ח"כ ע' 354. וראה עד"ז שו"ת שואל ומשיב מהדו"ק ח"ג סקע"ט.

5) הל' תעניות, הובא בב"י לטאו"ח סתק"נ. וראה לקו"ש חט"ו שם ע' 420 הערה 78. ח"כ שם הערה 29.

ולהעיר, שגם לפי ההלכה (שו"ע או"ח סתק"נ ס"ג) ש„כל ד' צומות הללו אם חלו להיות בשבת נדחין" — ישנה חומרא בעשרה בטבת לגבי שאר הצומות, שרק הוא אפשר לחול בערב שבת (מג"א שם סק"ה) (כקביעות שנה זו), ואז משלימין עד צאת הכוכבים גם אם התפלל תפלת ערבית של שבת מבע"י (רמ"א או"ח סרמ"ט ס"ד. שו"ע אדה"ז שם סי"ב).

6) יחזקאל שם.

7) עפ"ז מתורצת (בפשטות) קושיית הלח"מ (הל' תעניות שם) „י' טבת . . הי' לנו לשנותו ליום אשר סמך צר ידו על העיר בחרבן בית שני דחמיר לן" (כמו שמתענין בי"ז תמוז ולא בט' תמוז) — כי שאני עשרה בטבת שענינו התחלת כל הפורעניות, וההתחלה דגלות היא מבית ראשון דוקא.

8) יומא כא, ב.

9) כידוע שבכו"כ ענינים אין גלות מצרים בכלל הגליות — שאינם אלא ארבע. והרי הי' לפני מ"ת, ורק במ"ת נהיית לעם לה"א וכו' (ראה תבא כז, ט (ברכות סג, ב). וארא ו, ז וברבינו בחיי שם. יתרו יט, ה"ו. ועוד). ואכ"מ.

10) ראה מגילה יג, ב. מדרש לקח טוב שמות ג, א.

11) בשלח (טו, כו) וברש"י שם (לפי פשוטו). וראה ברכות ה, א.

12) ראה צפע"נ לרמב"ם הל' תשובה פ"ב ה"ב בסופה.

דערפון איז אויך פאַרשטאַנדיק, אַז אויך בנוגע דער „מכה" פון גלות איז הקב"ה מקדים רפואה למכה: נאָך איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן דער ענין הגלות [וואָס דאָס איז געווען, כנ"ל, בעת אַז „סמך מלך בבל . . על ירושלים"] האָט דער אויבערשטער שוין אָנגעוויזן אין וואָס עס באַשטייט די „רפואה" און אינעם אופן פון „לא אשים עליך".

די חז"ל זאָגן[13] אַז די סיבה אויף דעם תוקף ואורך פון גלות זה האחרון (ביז אַז „לא נתגלה קצם") איז דער עון פון שנאת חנם. ועפ"ז פשוט אַז די „רפואה" (גאולה) אויף גלות, איז דער היפך — אהבת חנם, אהבת ישראל, ובשלימותה אחדות ישראל;

און אויך בנוגע צו חורבן בית ראשון וואָס איז געווען (ניט מצד סיבה הנ"ל, נאָר) צוליב די ג' עבירות פון ע"ז גילוי עריות ושפיכת דמים[14], איז דאָך אָבער ידוע וואָס חז"ל זאָגן[15], אַז אפילו ווען אידן זיינען ר"ל עובדי ע"ז, איז אויב זיי זיינען באחדות קען קיינער ניט האָבן קיין שליטה אויף זיי

— דאַרף מען לפ"ז זאָגן, אַז נאָך איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן די „מכה" פון גלות, איז אין דעם „מצור" גופא (סמך מלך בבל) האָט דער אויבערשטער געגעבן דעם כח אויף שלום ואחדות — מקדים רפואה למכה.

13) יומא ט, ב ובחדא"ג מהרש"א שם. לקו"ת מטות פו, א. ועוד.

14) יומא שם.

15) ב"ר פל"ח, ו. וש"נ. וראה תו"א נח ד"ה ויאמר גו' עם אחד גו'. תו"ח שם ד"ה ויהי כל הארץ. ובתו"ח שם (סד, סע"ב) שמכיון שבבית ראשון הי' בהם שלום ואחדות ויתר להם ה' והחזירם לע' שנה.

### ג. דער ביאור בזה:

די פעולה פון אַ מצור בפשטות איז — אַז „אין יוצא ואין בא"[16], קיינער פון דער באַלאַגערטער שטאָט קען ניט אַרויסגיין, דהיינו אַז ס'איז אַ מצב וואו אַלע מוזן בלייבן צוזאַמען אין דער זעלבער שטאָט

און קיין „פרעמדער" ניט פון תושבי העיר קען ניט אַריין — ס'איז דאָרט נאָר אידן

פון העיר ירושלים, וואָס ענינה איז — „עיר שחוברה לה יחדיו"[17], זי איז מחבר ומאחד אַלע אידן.

נאָך מער: דער ענין פון ירושלים איז (ווי אָנגעדייטעט אין איר נאָמען) — ירא שלם[18], שלימות היראה. און ווי עס שטייט אין ראשונים[19], אַז ירושלים האָט משפיע געווען יראת שמים אויף די אַלע וואָס פלעגן דאָרט קומען און האָבן געזען די עבודה במקדש כו', און דאָס איז בײ זיי פאַרבליבן אויך נאָך זייער אומקערן זיך אַהיים.

דער מצור אויף ירושלים ברענגט צו דעם, אַז ניט נאָר זאָלן אַלע אידן זיין באחדות, נאָר נאָכמער, אַז אָט די אחדות זאָל זיין אין אַן אָרט פון „שלימות היראה" — אַן אחדות וואָס איז מיוסד אויף תורה ומצות וקדושה[20].

16) ל' הכתוב — יהושע ו, א.

17) תהלים קכב, ג. ולהעיר מירושלמי (עה"פ) חגיגה פ"ג ה"ו. וראה חגיגה כו, א.

18) תוד"ה הר — תענית טז, א (וראה ב"ר פנ"ו, י וברש"י ומת"כ שם). וראה לקו"ת ר"ה ס, ב. ועוד.

19) תוד"ה כי מציון — ב"ב כא, א (בשם הספרי. וראה לקו"ש חט"ו ע' 234 שוה"ג להערה 47. וש"נ). רשב"ם ראה יד, כג.

20) ראה בארוכה תו"ח שם (עג, ג ואילך) שאמיתית ענין האחדות הוא בקדושה דוקא.

די התחלה פון ענין הגלות איז געווען באופן אַז די „מכה" גופא האָט געדאַרפט גורם זיין די „רפואה". ואדרבה: די „רפואה" איז קודם המכה: דער ענין האחדות וואָס דער מצור איז גורם, הויבט זיך אָן ובגלוי באַלד ביים אָנהויב פון דעם מצור, נאָך איידער מען הויבט אָן פילן די „מכה" (און צרות) פון דעם מצור, ועאכו"כ פאַר עס קומט די מטרת האויב אין דעם מצור — דאָס איינעמען די שטאָט.

ועפ"ז — איז מובן[21] דער אויסדרוק ביי דעם מצור, שאינו רגיל כלל: סמך מלך בבל — פון שורש פון סמיכה און הילף[22].

און נאָך מער: דאָס איז ניט געווען אַ מצב אין וועלכן אידן האָבן זיך אַריינ־געשטעלט בבחירתם, נאָר נבוכדנאצר האָט מכריח געווען אידן צו געפינען זיך אין אַ מעמד ומצב וואָס האָט בדרך הטבע גורם געווען און געבראַכט אחדות ישראל אין ירושלים צוזאַמען מיטן בית המקדש און דאָס זאָל מבטל זיין דעם מצור (ביז אין אַן אופן פון „לא אשים עליך")!

[נאָר מען האָט דאָך בחירה חפשית — האָט דער מצב פון „מצור" ניט אויפגעע־טאָן אַן אחדות (אמיתית), ובמילא האָט נבוכדנאצר געקענט אויף זיי האָבן אַ שליטה].

ד. דער ענין פון די ד' צומות איז דאָך — „לעורר הלבבות לפתוח דרכי התשובה"[23] וואָס דורך דעם „זכרון" פון די דברים וואָס האָבן גורם געווען „אותן הצרות" — „נשוב להטיב"[23].

איז פאַרשטאַנדיק, אַז עשרה בטבת דערמאָנט אַ אידן לכל לראש, אַז דער וועג צו מבטל זיין „אותן הצרות" איז דורך — אהבת ישראל ואחדות ישראל, אַז אַלע אידן דאַרפן זיך איינשליסן צוזאַמען, ביז אין אַן אופן פון „חוברה לה יחדיו"; און מיט אַן אחדות וואָס איז פאַרבונדן מיט שלימות היראה ובית המקדש (הפנימי — ושכנתי בתוכם) — מיוסד אויף תורה ומצותי'.

און דעמאָלט וועט זיין דער ביטול הצומות[24], און נאָך מער: זיי וועלן נתהפך ווערן „להיות יום טוב[25] וימי ששון ושמחה"[24];

און וויבאַלד אַז די „ירידה" פון עשרה בטבת איז גרעסער ווי די אַנדערע צומות (כנ"ל סעיף א), וועט אויך די עלי' זיין גרעסער — אַז ער וועט זיין אין אַ מדריגה פון „עצם היום הזה" בדוגמא צו יום הכפורים למעליותא — שבת שבתון וואָס איז העכער פון שבת[26] „העשירי[27] יהי' קודש"[28].

(משיחות עשרה בטבת תשמ"ג)

---

21) ראה גם לקו"ש ח"כ ע' 518 ואילך.

22) כמו סומך ה' לכל הנופלים (תהלים קמה, יד) ועוד. ולהעיר מספר השרשים להרד"ק ערך סמך: ענין השמות האלה . . המשען . . ויש ענין קרוב לזה הענין סמך מלך בבל . . הקירוב והסיבוב.

23) רמב"ם הל' תעניות רפ"ה. וראה שם פ"א ה"ב.

24) רמב"ם שם ספ"ה. וראה בארוכה לקו"ש חט"ו ע' 413 ואילך.

25) ראה לקו"ש שם הערה 14.

26) ראה לקו"ש שם ע' 421.

27) בחדשים (טבת) וגם בימי החודש (עשרה שבו) — ראה גם לקו"ש ח"כ ע' 528-9.

28) בחוקותי כז, לב (וראה בכורות נח, ב. זח"ב רעא, א. בחיי ר"פ תרומה). וראה לקו"ש שם.